## די נייע שפּראַך
### אונטערגעהערטער טעלעפאָן־געשפּרעך

האַלאָ, צו פּ.ק.אָ.? — ענטשולדיגט, ביטע פּ.ק.אָ. נישט ק.ק.אָ. — פּאַנע מאַרישאַ! גוט מאָרגען, זי האָבען אַביסעל צייט? דאַ רעדט יורעק פון וו. ס. וו., יאָ, יאָ... כ'בין אַרויסגעטרעטען פון ס. ג. ג. וו. צוליב דעם, וואָס אויף או. וו. איז געווען צו שפּעט, בין איך צרייגעטרעטען אין וו. ס. ה. ניין. דאָס איז נישט איך, מיין ברודער האָט געוואָלט פאַהרען קיין פראַנקרייך אויף מעריצין, נאָר דאָרט איז אויפ'ן ערשטען יאָהר פּ. צ. ב. — וואָס זאָגען זי? ד. מ. צ.? — ניין. ד.מ.צ. איז ניי־גאַרן., יאָ, יאָ, נאָר עפּעס אַנדערש פון א. ע. ג. ווען איך רעכען צו פאָהרען? — גאָר בקרוב, כ'וועל נאָר ערלעדיגען די פּאַפּירען אין ד. אָ. ק. און אין פּ. ק.או... וועל איך באַלד פאָהרען. אָדער מיט דער 2־טער קלאַס פּ. א. פּ. אָדער מיט פּ. ל. ל. ווייל איך בין אַ מיטגליד פון ל. אָ. פּ. פּ.

—=:(O):=—

## אויף דער פּייפּעראָווקע
### אַ שמועס צווישען צוויי טאַשענציהערס

אויף דער פּייפּעראָווקע טרעפען זיך צוזאַמען פאַוויש קנאָפּ און זרח לאַטש.

— זרח'ל — זאָגט צו איהם פאַוויש, וואָס שטודירסטו עפּעס אַזוי שטאַרק אַריין אין נייעם מאַרע־זשורנאַל? צי רעכענסטו זיך צו נעהמען צו אַ וויטיש פאַך — צו שניידעריי?

— זיי נישט קיין יאָלד — האָט איהם זרח בעענטפערט. — איך זוך וואו ס'געפינען זיך, לויט נייעם מאָדע־זשורנאַל — די הויזען־קעשענעס.

---

## דער נייער סיים־רעגולאַמין

מ'זאָגט, אַז כדי צו פאַרלייכטערען די אַרבייט אין סיים, וועלען די דעפּוטאַטען פון דער אָפּאָזיציע בעקומען דאָס וואָרט אייביג נאָכ'ן שליסען די זיצונגען.

—=):O:(=—

## די פלעדערמויז
### פאַבעל — פון ה. וו.

די פלעדערמויז, וואָס זוכט די פראַנדשאַפט
ביי די פויגלען,
וויל מיט זיי צוזאַמען שפּילען,
נאָר די לעצטע, זעהענדיג אין איהר אַ מויז,
שרעקען זיך פאַר איהר „גוטען ווילען",
און דרעהען זיך פון איהר אַרויס.

אָבער אויך די מייז האָבען זעהר מורא,
מיט דער פלעדערמויז צו שפּילען;
עפּעס פיהלען זיי ווי אַ גזרה,
איז איהר יעדען שפּרונג—אַ שלעכטען ווילען.

און ס'לויפט די פלעדערמויז היו און הער,
און האָט קיין מזל נישט צו קיינעם.
איהר יעדער ריהר, איהר יעדער קעהר
רופט נאָר שרעק ביי יעדען איינעם...

די אורזאַך איז, וואָס זי איז בלינד,
און דאָס טאָג־ליכט קען צו איהר נישט גרייכען
ווי אָבער שנעל דער טאָג פערשווינדט,
דאַן איז זי פול אין טאָלען, הויכען
און שפּרייט זיך איהר ממשלה אויס
ווי עס פּאַסט פאַר אַ פלעדערמויז...

זוער זיין אַרבייט אין דער פינסטער פלאַנט,
דעם האַסט די וועלט,
און געטרויט איהם נישט פון האַנט...

## מיין פינגער

אַנ'אומגליק האָט פלוצלונג מיין פינגער פערכאַפּט;
ער האָט דורך אַ סיבה זיך שרעקליך צוקלאַפּט.
נו, איז ער מיין פינגער געוואָרען פערשייט
און בעהמט און צורערט זיך אויפגאָט און אויף לייט.

„ס'איז גאַרנישט! די וועלט, זאָגט ער, פיהרט זיך נישט גוט
מען זויגט נאָר דעם שוואַכען, מען טרינקט נאָר זיין בלוט;
ווער אומשולדיג — ליידעט, ווער שולדיג — בלייבט ריין...
ס'איז אַלעס נאָר שקר און שווינדעל, און שוין.

אַט קאָן איך אַ האַנד, וועלכע געהט ווי צום טאַנץ.
צו יענעמס אַ טעשעל און דאָך בלייבט זי גאַנץ;
היינט קאָן איך אַ קאָפּ, וועלכער טראַכט נאָר אומטראַכט
אָהן אָנהויב, אָהן אויפהער, ביי טאָג און ביי נאַכט.

צו שטיקען און דריקען מיט טאַט און מיט וואָרט.
און, ליידער, דאָך בלייבט דער קאָפּ אויף זיין אָרט....
אויך קאָן איך אַ נאָז, אַזאַ גרויסען — אַ גרויל,
וואָס רוקט זיך אַריין אָפט צו אייך, אין דעם מויל.

און וואו נאָר מען דאַרף איהם און וואו מען דאַרף נישט,
נאָר תמיד אַלץ טרעפט איהר דעם נאָז אין דערמיט.
מען קאָן איהם שוין אַלע, ער האָט שוין אַ שם.
דאָך קריגט ער נישט קיינמאָל פון קיינעם קיין פלעם.

איך, אָרימער פינגער, וואָס האָט מען צו מיר?
איך טשעפּע דאָך קיינעם, איך טו דאָך קיין ריהר!
פאַר־וואָס זשע קומט מיר צו פערגיסען מיין בלוט?
אָ, זאָגט, וואָס איהר ווילט אייך, די וועלט איז נישט גוט"!

פּינטל.

## מוסאָליני ראַטעוועט איטאַליען
### דער דיקטאַטאָר און די קימפּעטאָרין

זייט אַ רייה יאָהרען פיהרט מוסאָליני אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער פערמעהרונג פון דער בעפעלקערונג אין איטאַליען.

פאַר עטליכע חדשים, האָט אַ פרוי געבוירען אַ פירלינג (3 מיידלעך און אַ יונגעל), מוסאָליני האָט דער מוטער צוגעשיקט אַ פּענסיע פון 10 טויזענד ליר, און געבעטען די קינדער צו געבען די נעמען: גלאָריא, וויקטאָריא, איטאַליא, בעניטאָ.

מיט עטליכע וואָכען שפּעטער, פרעגט מוסאָליני אָן דער מוטער וועגען וואוילשטאַנד פון די קינדער.

אויף דעם בריף האָט די מוטער געענטפערט:

ליבער הער מוסאָליני, גלאָריא און וויקטאָריא זענען געשטאָרבען, בעניטאָ איז אויך סמוך למיתה, הלוואי, ס'זאָל זיך איינגעבען כאָטש צו ראַטעווען איטאַליע....

---

## פאַר דער „קאַסע סקאַרבאָווע"



יוד: דאָ איז די קאַסע סקאַרבאָווע?

פּאָליציאַנט: איהר ווילט דען אויסקויפען אַ פּאַטענט?

יוד: ע, כ'וויל נאָר אַ קוק־טוהן, ווער ס'קויפט היינט אויס פּאַטענטען...

## אַנ'אומשולדיגע נעבעך!..
### פון די לאָדזשער מעשה'לעך

אין קאָמיסאַריאַט קומט אַריין אַ פרוי און פיהרט אַ מיידעל ביי דער האַנד.

— פּאַניע פּשעדאָווניקו — בעט זיך די פרוי מיט טרעהרען אין די אויגען, ראַטעוועט מיין קינד, אַרעסטירט די גזלנים, די אויסוואורפען. זיי זענען בעפאַלען מיין קינד און זי אומגליקליך געמאַכט— מיין אוצר. מיין אומשולדיג קינד!...

— דער פּשעדאָווניק האָט זיך פעראינטערעסירט מיט דער אומגליקליכער, האָט איינגעטינקט די פעדער און גענומען שרייבען אַ פּראָטאָקאָל:

— ווען כריליין, האָט דאָס פּאַסירט?

— צעהנטען, נעכטען און היינט — האָט דאָס „אומשולדיגע" מיידעל געענטפערט.

---

## אַנ'אָפּעראַציע

פאַר אַ היגער באַנק העגגט אַ בעקאַנטמאַכונג: „מיר ערלעדיגען אַלע אַרט פינאַנציעלע אָפּעראַציעס".

די היינטיגע וואָך קומט אַריין אַ יוד, ווענדט זיך צום דירעקטאָר:

— וואָס פערלאַנגט איהר? — פרעגט איהם דער דירעקטאָר.

— נאַט אייך 10 זל. — האָט דער יוד געזאָגט, און שניידט מיר אויס די מאַנדלען פון האַלז.

---

# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

● צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

יילאגע צום נייעם פאַקסבלאַט נומער 1 — פרייטאג, דעם 1 יאַנואַר 1932

## אַוועק דאָס יאָהר 1931




יוד: ס'יאָהר איז אַוועק ביי דעם „זאַק" בין איך געבליבען...

# דאס יאהר 1931 אין שפיגעל פון קאריקאטור




### יאַנואַר

ס׳האָט אייראָפּא פיעל גע׳טענה׳ט
פוי אַ שלום אַ נייעם,
פון ענטוואָפענונג פאַר אַלע,
און — מען טענה׳ט נאָך עד היום..



### פעברואַר

שוין אַ יאָהר באַלד, ווי מען שלאָגט זיך,
ווי עס גייט אין קאַמף אַ יעדער!
געגען אַרבייטסלאָזיגקייטען
קעמפט מען מיט פּאַפּיר און פעדער...




### מערץ

דייטשלאַנד־עסטרייך האָט געפּרובט זיך
איינלייגען די צאָלען־מויער —
האָט זיך עס געמאַכט אַ חגא,
אַז ס׳איז זיי געוואָרען זויער...



### אַפּריל

ס׳איז דער אָקס פון שפּאַניען פּלוצים
ווילד געוואָרען רויט פאַר צאָרן,
האָבען „פּיס" געמאַכט אַלפאָנסען,
אַט די קרוין־טאָרעאַדאָרען...



### מ א י

הובער האָט געשטעקט זיין „פּיטעל",
דייטשלאַנד זי דערלאַנגט מיט ברכות
פון אַ וועלטען־מאָראַטאָריום,
און — עס האָט נאָך היינט ס׳קדחת...




### יובי

אַז פון יאַנואַר ביז יולי
האָט מען חשבונען גענומען
האָט מען גלייך דערזעהען, אַז ס׳זענען
דעפיציטען צוגעקומען....



### יולי

עקענער און סאַמאָילאָוויטש
אויף די ווייסע נאָרד־פּאָל ־אייזען,
זענען ווייט, גאָר ווייט געפלויגען
פאַר די בערען זיך צו ווייזען...




### אויגוסט

און דערווייל האָבען בענקלעך
אָנגעהויבען שטאַרק צו קראַכען,
אוי עס העלפען נישט קיין דרענגלען,
מיט די גוטע זיבען זאַכען..



### סעפּטעמבער

דאָס קאַפּיטאַליסטיש פערדעל
אָנגעשפּיצט עס האַלט די אויערן!
זעהט דער רייטער: עס איז ביטער —
ס׳האָט דעם „הינטען" שוין פערלוירען...




### אָקטאָבער

און דאָס פראַנקעל, דער צדיק,
וועלכער ווערט פון גרויסען גרעסער,
מיט׳ן „פרידענס־טייטעל" זעצט זיך
אויף די געלד־געפילטע פעסער...



### נאָוועמבער

איז די וועלט־ווירטשאַפט געפעהרליך,
ס׳שטורעמט, ס׳רוישט דער ים פון דלות —
איי, האָט גענוג, נעבעך, צו זאָרגען,
פון די בורגרות׳ן — די כלות...




### דעצעמבער

אַט, אַ שוויגער, הערט מען קלאַפּען
איך אַ זייטיגער מדינה:
דאָס, פערשטייט איהר, נעהמט איין יאַפּאַן
פ׳בעי־האָפּט אַ ביטעל... כינע!

# „PAW" ווינשט
# א גליקליך ניי-יאהר!

סטאָפּ! שוין היינט פערעפענטליכען מיר די גרויסע ניי-יאָהר-איבערראשונגען!

## די פרעמיעס האבען בעקומען:

1. פלאָראַ ראשפלאוואַ פּאביאניץ פּאָלודנ. 25
2. פ. שטארק. לאָדז, פּאָמאָרסקא 37
3. ט. סאנדאמירסקא, לאָדז. פּושעיאָוו 40

⊙

דערפרעהונגס - מתנות — זיידענע רעפארמען, וועלען בעקומען די קינדער, וואס וועלען אין דער געזעלשאפט פון זייערע עלטערן זיך מעלדען צו אונז דעם 4-טען יאנואר 1932 4 א זייגער נאכמיטאג.

# אנאכט אהן קריזיס!

פערשאפט אלעמען דער ביזיער גערעכנק איבער אונזער גרויסען אינוועטאר-אויספערקויף פון 1 ביז 15 יאנואר 1932

**עפעס ביז איצט נישט געוועזענעס!**

# „PAW"
## SKŁAD FABRYCZNY
דעטייל-פערקויף

**Łódź, Piotrkowska 154**

יעדע פרוי איז שעהן און בראוו ווען זי טראגט וועש מארקע PAW

# פעלץ-ווארען-לאגער „KAMCZATKA"

לאדז, 19 פיעטריקאווער 19, טעל. 224-66 און 162-23

עמפפעהלט דעם רייכסטען אויסוואהל פעלץ-ווארען צו ערמעסיגטע פרייזען

בעמערקונג: קירזשנער- און שניידער-ווערקשטעל אויפ'ן ארט.

# קליינע אנאנסען

פרייז פון אנ'אנאנס ביז 15 ווערטער נור 1 זלאטי

## לאָקאלען!

געלעגענהייטליך אַ קאָמפלעט איינגעריכטעט מעבלירט צימער מיט אַ קוך, צו פערמיטען מיט דעם רעכט אַלס לאָקאטאָר, פראַנציסקאַנער 30 וואוינונג 25.

וויכטיג פאַר קעטלער! אַ פאַרמירעריי וויל אָפּגעבען פלאַץ אויף קעטעל-מאַשינען אָדער פאַר האַנד-זאָקען-מאַכער צו אַ ביליגען פרייז, צו ערפאַהרען אין אַדמיניסטראַציע.

אַ פאַרטער-לאָקאַל נעבען פלאַץ וואָלנאָשטשי געאייגנעט פאַר קאָנפעקציע אָדער וועש איז פון-פון באַלד אָפּצוגעבען, ערפאַהרען ביים צייטונגס-פערקויפער נאָוואָמיעיסקאַ 7.

אַנ'איינגעפירטע אייזען-געוועלב מיט אַ וואוינונג אָוועקצוגעבען צו ערפאַהרען אין אַדמיניסטראַציע אונטער „אייזען".

אַ סובלאָקאַטאָר צו שלאָפען אָדער צו פירען אַ ווערקשטעל פאַר זיך אַליין קען זיך מעלדען זאַווישאַ 24, 2-טער שטאָק פראָנט, וו. 16. ברים.

איבערצוגעבען אַ קויהלען-סקלאַד אויף גדאַנסקאַ 21 פון זאָפאָרט, צו ווענדען זיך פיעטריקאָווער 31 ביי ד. זאַכאַריאַש.

אַ בעקעריי אין צענטרום שטאָט צוליב קראַנקהייט פון זאָפאָרט איבערצוגעבען. צו ערפאַהרען אין אַדמיניסטראַציע.

צו דינגען און פערדינגען פערשידענע וואוינונגען אין אַלטע און אין נייע הייזער מיט אַלע בעקוועמליכקייטען אויף מאָנאַטליכע דירה-געלד. געוועלבען, געשעפטס- און פאַבריקס-לאָקאַלען. מעבלירטע צימערן, הייזער, ווילעס, פלעצער פון פערשידענע פרייזען. יעדער קויפט און פערקויפט. נאָר דורך דער ביורא „לאָקום", וואָס ערלעדיגט פינקטליך און סאָליד. אינהאַבער יוסף קאַרמעסער און קאָמפּ. אינפאָרמאַציעס אָהן בעצאָהלונג, פיעטריקאָווער 62, פראָנט 2. שטאָק, טעל. 15-166 טעטיג פון 8 פריה ביז 8 אָוונד.

## פערשידענעס

געלעגענהייטליך אַ גוטען שאַמאָט-אויווען צו פערקויפען, קאָנסטאַנטינער 24 אין פוטער-געוועלב.

צו פערקויפען 2 שויבען-שענקלען, אַ בופעט אַ ליגענדיג שויבען-שענקעל, אַ שפיגעל, טישלען און שטוהלען, אין קאַוויאַרניע זאַוואַדזקאַ 16.

אַ נייער קאַראַקולענער מאַנטעל געלעגענהייטליך צו פערקויפען, ציגעל-גאַס 4, וואוינונג 20.

איך נעהם אָן צו רעפערירען ריטש-שלעסער צו שניגאַוועצעס ווי אויך פערשידענע זאַטשאַסקעס צו שניגאַוועצעס. זאַכאַדניאַ 51, פראָנט 2טער שטאָק, איינגאַנג דורכ'ן הויף.

צו די ה"ה גנבים! דינסטאָג ביינאַכט האָט מען פון מיין וואוינונג אויף פולנאָצנאַ 23 אַרויסגעגנבעט אַ פאָרטפעל מיט מזומן געלד און פערש וועקסלען-פראָטעסטען און סקאַרבאָווע קוויטעס וואָס האָבען פאַר קיינעם קיין שום ווערט נישט. וויל זיי זענען שוין אַמטליך אָפּגערופען געוואָרען, די ה"ה גנבים ווערען געבעטען אָפּצושיקען אָדער מיר מיטצוטיילען וואו איך קען קומען אונטערהאַנדלען וועגען די פאַפּירען. וויל דאָס געלד שענק איך זיי אָוועק. דיסקרעציע שטרענג געזיכערט. מיין אַדרעס פולנאָצנאַ 23, האָראָוויץ.

אַ שותף מיט 1000 דאָלאַר צו אַנ'איינגעפיהרטע פאַבריקאַציע פון טריקאָטאַזש ווערט געזוכט, אָהן ריזיקאָ געזיכערטער פראָפיט. אָפּערטען אונטער „שותף" אין אַדמיניסטראַציע.

## עס איז נויטיג

יונגעלייט (קורץ געקליידעט), און פרויען-צימער (אויך פון פראָווינץ), קענען פערדינען ביי פערקויפען און אָננעהמען בעשטעלונגען אין געשעפטען. אָפּערטען אין רעדאַקציע פאַר „פערדינסט", בעמ.: פראָווינצער מוזען ביילעגען אויף ענטפער אַ מאַרקע.

טיכטיגע פריילייס און דאַמען אַלס אַגענטקעס קענען זיך מעלדען זונטאָג פון 12—2 ביי טאָג וואָלטשאַנסקאַ 52, רעכטער איינגאַנג 1 שטאָק.

אַנ'ארענטליכער יוד זוכט אַ פּאָסטען ביי וואָס עס זאָל נישט זיין פאַר אַ קליינעם לוין. אָפּערטען אין אַדמ. פון דער צייטונג פאַר „יוד".

אַ טיכטיגער קוואַליפיצירטער שעלקע-מאַכער ווערט געזוכט. צו ערפאַהרען נאָוואָמיעיסקאַ 30, ביי ה. ראָזענטאַל.

**אַנאָנסען-פּרייז:** פאַר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאָג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפּאַלטען
אין טעקסט—40 „ „ „ „ 60— „ „ „ „ 4
נאָכ'ן טעקסט—12 „ „ „ „ 18— „ „ „ „ 8
פאַר אַ מילימעטער-שורה: איבער דער שטאָט 50 פּראָצ. טייערער. אויפּל. 100 פּראָצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. אַ וואָרט

**אַבאָנאַמענטס-פּרייז:** אין לאָדז – 5 זל. אַ חודש מיט אָפּטראָגען אַ היים; אויף דער פּראָווינץ 6 זל. אַ חודש; אין אויסלאַנד – 8 זל.
פאַר'ן אינהאַלט און טערמינען פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פערענטוואָרטליך
די אַדמיניסטראַציע איז אָפען ביי טאָג און ביינאַכט.

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat". Piotrkowska 21.